Rok I. Żydowska Gazeta Robotnicza. Organ partyi socyalno-demokratycznej. Nr. 23.

די אַדרעסע פֿון דער רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :
Jüdische Arbeiter Zeitung
Kraków,
Sławkowska 29.
טעלעפֿאָן נומער 624
איינצעלנע נומער 8 העל.

יודישע
# אַרבייטער=צייטונג
ארגאַן פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.
ערשיינט יעדען פרייטאג.

אבאָנאַמענטס־פּרייז :
יעהרליך : 4. קראָנען.
האַלביעהרליך : 2. קראָנען.
פיערטעליעהרליך : 1. קראָנע.

פּרייז פֿון אַנאָנסען :
פֿיר יעדער שורה פּעטיט אָדער איהר פלאַטץ 10 העללער.

Kraków, piątek 8 września 1905. נומר 23. קראָקוי, 8 סעפּטעמבער 1905.

## גענאָסען, פערשפרייט די „יודישע אַרבייטער צייטונג“!

## די פּועלי ציון און דער 7־טער קאָנגרעס.

אין דעם 7-טען קאָנגרעס האָבען אונז אינטערעסירט צוויי זאַכען : ווי אַזוי וועט אויפֿגעלעזט ווערען דער קריזיס אין ציוניזמוס און וואָס פֿאַר אַ ראָליע וועלען שפּיעלען אויף דעם קאָנגרעס די ציוניסטישע אַרבייטער. מיט די צוויי פֿראַגען האָבען מיר זיך בעשעפֿטיגט אין אַ רייהע אַרטיקלען, אָנלוינענדיג זיך הויפּטזעכליך אויף די בעריכטען פֿון די ציוניסטישע צייטונגען. אויף די ערשטע פֿראַגע האָבען מיר געענטפֿערט, אַז דער קריזיס איז צוואַר בעזייטיגט געוואָרען, אָבער מען האָט אויסגעגאָסען דערביי דאָס וואַסער צוזאַמען מיט'ן קינד : אויסשליסענדיג די טעריטאָריאַליסטען, האָט דער ציוניזמוס מודה געווען, אַז ער איז ניט קיין אָרגאַניזאַציע פֿון גאַנצען פֿאָלק, ווי ער פֿלעגט פֿריהער מענה'ען, נור אַ פּאַרטיי גלייך מיט אַלע פּאַרטייען. און דאָס הייסט פֿאַקטיש דער באַנקראָט פֿון דעם ציוניזמוס, ווייל דאָ האָט באַנקראָטירט זיין הויפּט־פּרינציפּ, אַז ער נעהמט אַרום אַלע פּאַרטייען, אַלע יודען, זאָגאַר... געגען זייער ווילען.

אויף די צווייטע פֿראַגע האָבען מיר געענטפֿערט, אַז אויסער די ציוניסטען־סאָציאַליסטען, וועלכע האָבען זיך מוטהיג געשטעלט געגען די רעאַקציאָנעלע־פּעליטאַניסטיש־ברחן'ישע רעדעס פֿון דעם משוגענעם האַלבען פֿילאָזאָף און גאַנצען דעקאַדענט מאַקס נורדוי, האָבען די פּועלי ציון בכלל און די פּועלי ציון פֿון גאַליציע בפרט אַרויסגעוויזען אַזוי פֿיעל הינטישע אונטערטהעניגקייט געגען די בורזשואַזע ציוניסטען, אַז... מיר ווייסען אַליין ניט ווי מיר זאָלען עס אָנרופֿען. ווייל דאָ האָבען די פּועלי ציון געהאַט אויסצוקלויבען ניט צווישען דעם ציוניזמוס פֿון איין זייט און... פּ. פּ. ס. ד. אָדער זאָגאַר „יודישע סאָצ. דעמ.“ פֿון דער צווייטער. אַזאַ פּרובע, זענען מיר געווען זיכער, אַז זיי וועלען ניט אויסהאַלטען. דער מאַטעריאַל, פֿון וועלכען די פּאַרטיי בעשטעהט : בעלפֿער, האַנדעלס־אַנגעשטעלטע זענען נאָך ניט געגוג רייף צו דעם סאָציאַליזמוס, צו דעם ריינעם קלאַסענקאַמפֿף. דאָ אויף דעם קאָנגרעס איז אָבער די ברירה געווען נאָר אַן אַנדערע : צווישען די פּאַלעסטינער מיט אוסישקין אויף דער שפּיטצע פֿון איין זייט און אַ גרויסער טהייל ציוניסטישע אַרבייטער פֿון דער צווייטער זייט. מיר האָבען גערעכענט, אַז די הינע פּועלי ציון וועלען דאָ אויסנוטצען די געלעגענהייט און בעפֿרייען זיך פֿון דעם יאָך פֿון דעם בורזשואַזען ציוניזמוס. זיי האָבען עס אָבער ניט געטהון. פֿאַרקעהרט, אָבטהיילענדיג זיך פֿון די רוסישע אַרבייטער ציוניסטען איז זייער ווידערשטאַנדסמאַכט געגען דעם הערשענדען ציוניזמוס געוואָרען נאָך שוואַכער און די סענטעס אויף זייער האַלז און פֿיס — נאָך שטייפֿער.

אין 14־טען נומער „יודישער אַרבייטער“ פּאַלעמיזירט בן ברוך אין אַ גרויסען לייט אַרטיקעל מיט די גאַליצישע סאָציאַל דעמאָקראַטען, ד. ה. מיט אונז און מיט דעם „יודישען סאָציאַל דעמאָקראַט“, וועלכער האָט איבערגעדרוקט דר. ק. פֿאַרנבערג'ס אַרטיקעל „צום 7־טען קאָנגרעס“. ווי דער אמת׳ לעזענדיג די לומפּיגע קאָרעספּאָנדענצען אין דעם זעלבען נומער געגען די זעלבע „גאַליצישע סאָציאַל דעמאָקראַטען“, די שמוטציגע מסירות און ליגענס און דאָס חורן׳ן אַלץ אין איינעם : איהר זייט ניט קיין יודען — וואָלט מען מיט אַזאַ צייטונג ניט געדאַרפֿט פּאַלעמיזירען ; מיר טהוען עס אָבער נור צוליעב אונזערע לעזער, וועלכע וועלען האָבען די געלעגענהייט צו בעקאַנען זיך מיט די אַרגומענטען פֿון אונזערע „פּועלי ציון“.

לויט בן ברוך'ען איז גאָר קיין קריזיס ניט געווען אין ציוניזמוס, עס איז נור געווען אַזאַ ענטוויקלונג און ער פֿערזיכערט אונז, אַז עס מוז אַזוי זיין אין אַלע פּאַרטייען. מילא, מיר וועלען זיך ניט שפּאַרען ; מיר ווינשען דעם ציוניזמוס אַזאַ ענטוויקלונג אויך לעתיד... מיר ווייסען נור, אַז זייט צוויי יאָהר פֿלעגען זיך אַלע אַרטיקלען איבער'ן ציוניזמוס אין דער אָפֿיציעלער „וועלט“ און אין „ווסכוד“ אָנפֿאַנגען בזה הלשון : „דער היינטיגער שווער'ער קריזיס אין ציוניזמוס, וועלכער דאַטירט זיך פֿון 6־טען קאָנגרעס“.

אַז די ציוניסטען האָבען פֿאַרקירצט הרצל'ען דעם לעבען, — האָט מודה געווען מאַקס נורדוי אין זיין טרויער רעדע. און דאָס האָבען גראָד געטהון די ציוני ציון מיט אוסישקין'ען. ווען דער „פּועלי ציון“ פֿערלייקענט עס, ווייזט עס נור, אַז ער האָט זיך געלערנט פֿון זיינע בורזשואַזע פּאַרטייגענאָסען צו לייקענען אין די אויגען.

ווי אַ עכטער ציוניסט פֿילט ער אָן זיין אַרטיקעל מיט ניין קבין שמוטץ און ליגענס און איין קב זאַכליכע אַרגומענטען. די ספּעראַטיסטען עסט ער גאָר אויף : „און אויף דעם גרונד פֿון אַ זעלכע שקרים און איבערפֿלעכליכקייטען האָט מען די העזה... „אפשר אין דעם זאַגענאַנטען „יודישען סאָציאַל דעמאָקראַט“, וועלכער פֿערענטפֿערט די יודען פֿראַגע איינפֿאַך גאַנץ לייכט און גאַנץ פּשוט. צום ערשטען ווייזט ער אויף מיט שווערע טיעפֿע וויסענשאַפֿטליכע געדאַנקען געשריבען אויף אַ טערקישען (אַ ציוניסט דאַרף דאָך פֿון טערקישען לשון זיין צופֿריעדען !) זשאַרגאָן לשון, אַז שעור וואָס דער מה שפּאַלט זיך ניט לעזענדיג... „און אַז דו נעהסט אַרויס קוים אַ לעבעדיגער פֿון די שטיינערנע געדאַנקען מיט דעם קופּערנעם לשון און פֿערשטעהסט קוים די נייע ענטדעקונג, ניט ער דיר ווייטער צו פֿערשטעהען מיט אַ ערנסטען טאָן און אַזאַ וויסענשאַפֿטליכע מינע אַז...“

געגען די אַרבייטער פֿון פּ. פּ. ס. ד. בענוטצען זיי דעם אַלטען, שמוטציגען, לעכערליכען פֿאַרוואורף : אַסימילאַטאָרען, פּאָליאַקען. מיר וועלען נור דערביי דערמאָהנען איין עהנליכע ערשיינונג. די פּוילישע בורזשואַזיע וואַרפֿט פֿאַר דעם פּוילישען סאָציאַליסט, אַז ער איז ניט קיין פּאָליאַק, דער דייטשער — דעם דייטשען סאָציאַליסט, אַז ער איז ניט קיין דייטש און ז. וו. וואָרום זאָל די יודישע בורזשואַזיע זיין בעסער און אונז ניט פֿאַרוואַרפֿען, אַז מיר זענען ניט קיין יודען. מיר וועלען ענטפֿערן אונזערע ציוניסטען דאָס זעלבע וואָס די סאָציאַליסטען ענטפֿערן איבעראַל : מיר זענען ניט אַזעלכע יודען ווי איהר. מיר ווילען ניט פֿיהרען קיין רויבערישע פּאָליטיק אין „גרויס פּאַלעסטינאַ“, מיר ווילען ניט אַוועקנעהמען ביי די אַראַבער די ערד מיט די הילף פֿון דעם בלוטיגען סולטאַן, אַבער יודען זענען מיר. מיר אַנגעהערען מיט די פּוילישע אַרבייטער און פּאַרטיי, ווייל דאָס פֿאָדערן די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אינטערעסען פֿון אונזער פּראָלעטאַריאַט.

מיר האָבען געשריבען אַז : פּאַלעסטינאַ איז אַ בית עולם, אַ הייליגער „חשוב'ער אָרט, און דער פֿאַר איז שוין די ערד לאַנג צוכאַפּט, אויסגעקויפֿט. די טערקישע רעגירונג, מיט וועלכער הרצל האָט אונטערהאַנדעלט לאַנגע יאָהרען האָט אין פּאַלעסטינאַ נישט קיין ערד, די גאַנצע ערד געהערט צו פּריוואַטע בעזיטצער, צו קליינע ערד אַרבייטער“. אויף דעם ענט־

פערט אונז בן־ברוך, אז פראפעסאר ווארבורג בעווייזט, אז „גרויס פאלעסטינא“ איז כמעט פוסט און עס איז דא ארט פאר צעהנדלינער מיליאנען מענשען. ער האט נור פערנעסען אונז ערקלעהרען וואס הייסט ביי איהם „גרויס פאלעסטינא“, פיעלייכט געהער שוין גאליציע אויך צו „גרויס פאלעסטינא“ און וואס פאר א ערד עס איז. און אז ער וועט עס ערקלעהרען, דאן וועלען מיר אויך ציטירען א גרויסען געלעהרטען, אז עס איז לא היה ולא נברא.

אבער פיעל וויכטינער איז די פראגע: ווי אזוי וועלען זיי בעקומען פאלעסטינא? „די יודישע פראלעטארישע ארבייטער מיט איהר נעזונדע אקטיווער פסיכיק, האט באלד ביי דעם אריינטרעטען אין דער בעוועגונג ניט נעקענט לײדען דעם פאסיווען כאראקטער פון דעם דיפלאמאטישען ציוניזמוס. די פראלעטאריש געזונדע עלעמענטען האבען באלד פון אנפאנג ניט געקענט זיין איינפערשטאנען מיט דעם נישט רעאל־היסטארישען פערשטאנד איבער'ן ציוניזמוס, ווי טשארטעריזמוס“. מיר פרעגען אבער: און ווי איז היינט ווען „די פועלי ציון בעוועגונג איז פערשטערקט געווארען אי אין קוואנטיטעט אי אין קוואליטעט און דוקא אויף דעם חשבון פון די בורזשואזע פארטייען“, צו האפען די ציוניסטען צו בעקומען פאלעסטינא אדער גרויס „פאלעסטינא“ אנדערש ווי דורך אונטערהאנדלונגען מיט'ן סולטאן, צו רעדט מען ניט ראס זעלבע פון טשארטער? פיעלייכט ווילען די „פועלי ציון“ מאכען א רעוואלוציע אין טערקיי? וועמען פערדרעהען זיי אלזא דעם קאפף? דער ציוניזמוס איז אן און פאר זיך דורך און דורך רעאקציאנעל. אייער וואקסען אין קוואנטיטעט און קוואליטעט קען האבען נור דעם ערפאלג: פארפינסטערן דעם קלאסענבעוואוסטזיין פון דעם יודישען ארבייטער. דאס האבען פערשטאנען די ציוניסטען סאציאליסטען און — זענען ארויסגעטראטען פון דער ציוניסטישער פארטיי. דאס מוזט אויך איהר, פועלי ציון, טהון אויב איהר ווילט ניט ווייטער זינקען אין בורזשואזע ציוניסטישער רעאקציע, און אויב איהר ווילט אין איהר ניט דערטרונקען ווערען.

דערצעהלט אונז ניט קיין מעשיות פון לאדז, ביאלאסטאק און ז. וו. מיר קענען אייך דערצעהלען אויך עטוואס פון „פראוויט. וויעסט.“. פון דעם רעגירונגס בעריכט איבער די רעוואלוציע אין די שטעט און — אז דארט זענען דא פועלי ציון און ציוניסטען סאציאליסטען...

# די אייביגע פראגע.

דעם מענשענ'ס לעבען איז א שפאן —
ווי לאנג וועט מיינס גדויערן? —
ווער דארף מיך לעבעדינערהייט,
ווער זאל מיין טויט באטרויערן?

און ניט נאר איך און דו, ווען ס'זאל,
די גאנצע מענשהייט שטארבען,
דער הימעל וואלט ניט אויף א האר,
געביטען זיינע פארבען.

די שטערען וואלטען קאלטבלוטיג,
געשיינט, דען זיי פארגעהן
ווי איך און דו, דאך הערט ניכט אויף
דעם לעבענ'ס ראד זיך דרעהען...

מיט יאוש פרעג איך אפט: וואו איז
דער עיקר, וואס אין מיטען
פון אייביגען פארבייטען זיך,
אליין בלייבט אונפערביטען?

וואס פון איהם און צוליעב איהם איז
דאס וועלקען און דאס שפראצע'',
וואס רוהענדיג אליין, אנטפלעקט
אין אומרוהע נאר זיין רצון? —

וואו איז זיין צוועק?... צי וועט ער ווען,
ערפילען זיין כוונה,
צי איז דאס גאנצע יאגענעס
פון איצטער אן הכנה.

## גענאסען, קלויבט אויפ'ן פרעספאנד!

# פעליעטאן.

oooo

ו. ג. קאראלענקא

## דער אויגען־בליק.

(א סקיצע)

איבערזעצט פון נ. קאקעט.

---

פארטזעצונג

IV

אזוי זענען פערביי נאך יאהרען, וועלכע האבען שוין אויסגעזעהן ווי טעג. די צייט פון שלאף שפירט ניט צו בעקענען זיך. און זיין לעבען איז שוין געוועזן אין גאנצען א אונענדליכער שווערער און ניט אונזעהענדער שלאף.

פון זיעסטוועגען פון א געוויסע צייט האבען אין דעם שלאף ווידער אנגעהויבען פינקלען אויסערליכע זאכען. אין זעהר ליכטיגע טעג איז געגאנגען אויף'ן ברעג א רייך פון סטאטען האלץ אדער פון א פייער (פאזשאר). אין פעסטונג איז פארגעקומען א אונגעוועהנליכע בעוועגונג. די הישפאנער האבען זיך גענומען צו פעריכטען די אלטע ווענט. די שארענס וועלכע האבען זיך געמאכט אין די יאהרען פון רוהענדע שטילקייט, האבען זיך איילענדיג פעריכט. מעהר ווי פריהער האבען געפינקעלט צווישען ברעג און אינזעל דאמפף שיפען מיט דעם הישפאנישען קריגס פאהן. דיאץ האט נעקיקט דערויף מיט בעוואונדערונג. אין זאל האט זיך איהם אפילו געדאכט דאס אין די הויל־וועגע, אויף די עקען פון דעם בעקאנטען בארג אין א העלען מיט די זון בעשיינטען טאג געהען ווייסע שטיקלעך רויך פון שיסערייי, קליינינקע ווי שפילקע קעפלעך שווימען ארויס מיט א מאל און שוועבען ארום אויף דעם דונקעל־בלאהען רויך אין דער העלער לופט. איין מאל האט זיך געטראפען א לאנגע שווארצע פאס צום ווייטען ברעג, און איינינע קורצע אבגעריסענע קלעפ האבען זיך אנגעשלאגען פון ים אין זיין פענסטער... ער האט זיך אנגעכאפט מיט די הענד ביי די קראטען און האט זיי שטארק געטרייסעלט. זיי האבען א קלונג און א ציטער געטהון. דאס מיסט האט זיך געשיט פון די שטיינען וואו די אייזערנע פאסען זענען געוועזן אריין געמאכט אין די ווענט....

נאר עס זענען פערביי נאך עטליכע טעג... דער ברעג איז ווידער שטיל געווארען און איז איינגעשלאפען, דער ים איז געוועזן פוסט. די כוואלעס האבען זיך שטיל און פערקלערט נעגלימשט איינע אויף די צווייטע און האבען געפאטשט אין שטיינערנעם ברעג, פונקט ווי זיי וואלטען ניט געהאט וואס צו טהון... און ער האט געמיינט אז דאס איז ווידער געוועזן נור א חלום....

נאר פון היינט אין דער פריה אן האט דער ים איהם ווידער אנגעהויבען צו רייצען. איינינע כוואלעס זענען שוין אריין געקראכען אין די בוכטע און לינקס האט מען געהערט ווי די שטיינער קריכען ארויס פון דער דנוי אויף'ן ברעג.... פאר נאכט האט אין פיערקאנטיגען פענסטער נעלויכטען שוים. די ים־קליפע האט אנגעהויבען זיין געזאנג, דער ברעג האט געענטפערט מיט טיפע קרעכצען און מיט א קנאל.

דיאץ האט געהויבען די אקסלען און האט בעשלאסען לעגען זיך פריהער.



# Do Ameryki i Kanady!

przeprawia najtaniej i najlepiej pospiesznymi i pocztowymi, wprost bez żadnego przesiadania z okrętu na okręt:

Generalny agent

**M. G. Freudberg,** ANTWERPIA 10 Van Leriusstraat (Belgia)

Odjazd do **Nowego Yorku** co sobotę; do **Kanady** co 10 dni! Wikt najlepszy, usługa staranna.

Niechaj nikt pierwej nie jedzie za morze, zanim od te Agencyi nie otrzyma wyjaśnień i cennika, który wysyła się chętnie i darmo.

## = F. MISSLER, BREMEN. =



## CESARSKIE PAROWCE

| | |
|---|---|
| „Kaiser Wilhelm II.“ | 215 metrów długi |
| „Kronprinz Wilhelm“ | 202 metrów długi |
| „Ka[illegible]r Wilhelm der Grosse“ | 198 metrów długi |

jadą **Bremy do Nowego Yorku 6 do 7 dni.**

Odjazd we wtorki.

[illegible]rskie parowce jadą tylko z **Bremy,** kto więc chce cesarskimi parowcami jechać, **może zupełnie swobodnie bez przeszkody podróżować,** nikt nie ma prawa zabronić mu tego. Każdy powinien już w domu postanowić w jakim kierunku jechać zamierza i nie powinien w drodze dać się namówić, lub odwieść od swego zamiaru.

**Każdy ma swoją wolną wolę i może za swoje pieniądze podróżować dokąd chce.**

W każdym jednak razie należy się zawczasu postarać o miejsce na statku, a dla zapewnienia tegoż należy wcześnie nadesłać na mój adres 20 koron zadatku.

**F. Missler, Bremen, Bahnhofstrasse 30.**



# די ביללינסטע בעצוגסקוועללע

אין ־ טען אוהרען, גאָלד און זילבער, ביזשוטערי, אוהרען־בעשטאנד־טילע און ווערקצייגע, ווי אייך מוזיק־אינסטרומענטע איזט ביי

**IGNATZ CYPRES, Krakau**

FLORYANERGASSE 49.

איינע ניקעלטאַשענאוהר מיט 36 שטיק פרימא ווערקע מיט אויפּ־שריפּט .סיסטעם ראָסקאָפּף׳ מיט דרייאַיעהריגער גאַראַנטיע זאַמט שענער ניקעלקעטע און לעדערבייטעל פל. 1.95.

ביי אבנאהמע פון דריי שטיק פל. 5.50, זעכס שטיק פל. —.10.

רייך איללוסטרירטער פרייז־קוראַנט מיט 800 אבבילדונגען גראַטיס און פראַנקאָ.

אגענטען ווערדען געזוכט!

# Darmo i opłatnie

otrzyma każdy mój bogato



illustrowany cennik

**Instrumentów muzycznych**

**oraz różnych zabawek**

# A. Scheuer, Kraków

**ulica Grodzka L. 59/6.**

## די אידישע ארבייטער ביבליאָטעק

פון

דער פוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

| | |
|---|---|
| גן־עדן התחתון. פרייז: | 2 העלער. |
| קאוטסקי. די אונאַבהענגיקייט פון פוילען. פרייז: | 10 „ |
| פייגענבוים. ווי קומט אַ יוד צו סאָצ.? פרייז: | 20 „ |
| א. וורא‌נסקי. די אידען אין פוילען. פרייז: | 10 „ |
| ש. דיקשטיין. פון וואָס איינער לעבט. פרייז: | 20 „ |
| וואָס יעדער אַרבייטער דאַרף וויסען און געדענקען. | 30 „ |
| ליעבקנעכט. די וואהרהייט איבער דעם סאָצ. | 30 „ |
| די אַרבייטער רעוואָלוציאָן. פרייז: | 15 „ |
| א. דעמבסקי. סטאַניסלאַוו קוניצקי. פרייז: | 10 „ |
| מ. מיכלזאָהן. הערשעל דער שניידער. פרייז: | 10 „ |
| לאַטאַרניק. יאַראָסלאַוו דאָמבראָווסקי. פרייז: | 10 „ |
| שפיאָן. פרייז: | 15 „ |
| לאַטאַרניק. די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן. | 20 „ |
| ב. א. י. לורוויג וואַרינסקי. פרייז: | 20 „ |
| אמעריקאנער. פיל יפינא פלאַסקאָוויצקא. פרייז: | 10 „ |
| ארבייטער געדיכטע. פרייז: | 30 „ |
| ב. א. י. אוגוסט בלאַצקי: פרייז: | 10 „ |
| אַ קלאָרער ענטפער (ביילאַגע צום 8־טען נומער „ארבייטער״). פרייז: | 15 „ |
| די ארבייטער סאָלידאַריטעט און דער קאמפף אום ראזיין. פרייז: | 10 „ |
| פערדינאַנד לאַסאַל. פרייז: | 15 „ |
| מ. מיכלזאָהן. טאַדעאוש קאָשציושקא. פרייז | 20 „ |
| ב. פייגענבוים. דער רעכטער וועג. אַ ויכוח וועגען די פוילישע סאָציאַליסטיש פארטיי און איהרע פאָדערונגען, אין צוויי טהיילען. פרייז: | 80 „ |

די אַלע בראשורען ווי אויך אַלע פוילישע אויסגאַבען פון פ. פ. ס. זיינען צו בעקומען אין דער אַדמיניסטראַציאָן פון .פשעדשוויט׳ Kraków, Grodzka 50.

Proszę zawsze żądać **Wyrobu krajowego!**

**Munka oszczędzające, jędrne mydło**

z „nosorożcem“ lub „kosą“

z Pierwszej Galicyjskiej Parowej Fabryki **mydła i świec**

Szymona Munka w Żywcu

(Założonej w roku 1846) Próbki i cenniki darmo.

## Wydawnictwa Spółki nakładowej „Książka“.

***Blos Wilhelm.** Rewolucya Francuska. Z 2 rycinami. Dwa tomy. (Na cienkim papierze 2 tomy w jednym). Cena 12 koron.

***Feldman W.** O Rosyi. Cena 1 korona.

***Informator.** Stronnictwa polityczne w Królestwie Polskiem Cena 2 korony.

**Kalthoff Albert.** Światopogląd religijny. (Treść: Przedmowa. Wstęp. — Nieskończoność świata. — Zachowanie siły. — Teorya rozwoju. — Pochodzenie wiary w Boga. — Treść wiary w Boga. — Modlitwa. — Stary i nowy człowiek. — Wiara i wiedza. — Wiara i jednostka. — Wiara i życie. — Prawo dziedziczności. — Prawo przystosowania. — Idealizm. — Ideał i życie. — Ideał jednostki. — Ideał społeczny. — Ideał religijny. — Wspólnota religijna. — Kult religijny. — Biblia. — Nauka religii. — Religijne wychowanie młodzieży. — Symbole religijne. — Religia a klechy. — Rzut oka wstecz). Cena 3 korony 20 halerzy.

***Kasprowicz Jan.** Chrystus. Poemat społeczno-religijny. Cena 3 korony w oprawie.

***Mańkowski Mieczysław.** U stóp szubienicy. Urywek ze wspomnień więziennych „proletaryatczyka“. Cena 60 halerzy.

***Marks-Engels-Liebknecht.** Odbudowanie Polski. (Zbiór artykułów o kwestyi polskiej.) Cena 2 korony.

***Narkiewicz-Jodko i Szymon Dyksztajn.** Polski Socyalizm Utopijny na emigracyi (Dwie rozprawy). Cena 1 kor. 20 hal.

**Orkan Władysław.** Herkules nowożytny i inne wesołe rzeczy. (Zbiór nowel). Cena 2 korony.

**Orkan Władysław.** Ofiara. Fragment w 3 aktach z 1846 r. Cena 1 korona 50 halerzy.

**Orkan Władysław.** Wina i Kara. Tragedya w 3-ech aktach. Cena 2 kor.

***Płochocki Leon.** Rosyjskie partye polityczne i ich stosunek do sprawy polskiej. (Treść: Przedmowa. — 1881 — 1903. Rosyjskie stronnictwa polityczne w przededniu wojny. — Stronnictwa rosyjskie wobec sprawy polskiej. — Dodatki). Cena 3 korony.

***Stepniak S.** Losy nihilisty. Romans. Z przedmową Jerzego Brandesa. Cena 6 koron.

**Verhaeren E.** Jutrznie. Dramat społeczny. Przekład Maryi Markowskiej. Cena 2 korony.

* * *

***Gierszyński Henryk dr.** Emigracya i Skarb narodowy. Cena 20 halerzy.

***Luśnia Michał.** Jak się narody rządzą? (Wydawnictwo Związku Postępowej Młodzieży Polskiej z funduszu imienia H. Bukowskiego). Cena 60 halerzy.

***Plechanow.** Anarchyzm i socyalizm. Cena 2 koron 60 hal.

***Rocznik Związku Postępowej Młodzieży Polskiej.** Rocznik I. 1905. Cena 1 korona.

**Rops F.** Porządek panuje w Warszawie. (Wspaniała heliograwura). Cena 7 koron 50 halerzy.

***Zmowa powszechna przeciw rządowi.** (Wydawnictwo Ludowego Koła Oświaty). Cena 30 hal.

Wydawnictwa, oznaczone gwiazdką (*) nabywać można również na specyalnym cienkim papierze).

**Do nabycia we wszystkich księgarniach.**

## Pod prasą i wkrótce wyjdą.

**Jaeckh G.** Historya Międzynarodowego Stowarzyszenia Robotników.

**Promus C.** Powstanie chrześciaństwa

**Wasilewski Leon** Rządy konstytucyjne w Zachodnie Europie i Ameryce.

צו בעקומען אין אלע גרעסערע געשעפטען

**PARVEOL**

!!

די ריינסטע

גוואראנטירטע

פפלאנצונגס

פוטער

פארטרעט פאלשטענדיג

דאס נאטירליכע פוטער.

נויטהיג אין יעדער יודישער

קעך צום קאכען, פרעגלען

און באקען.

און דער פאבריק פון יאנ. זינגער אין ביעלסק (עסטרייכישע שלעזיען).

דער גענ. פערטרעטער פיר גאליציען און בוקאווינא:

Simon Loria, Kraków, Sebastayna 20.



Do **Ameryki!**

jakoteż do innych zamorskich krajów przeprawia najtaniej powszechnie znana firma

**B. Karlsberg, Hamburg**

Ferdinandstr. 15.

Nim kto szyfkartę kupi, niech porówna moje ceny z cenami agentów okrętowych.

**Skład Piwa Karwinskiego**

Jego Eksc. hr. Larisch-Mönnich'a

Kraków, ul. Poselska 15 — Telefon 431

poleca P. T. Publiczności swoje wyśmienite piwa

jako specyalność

**PIWO ZDROWOTNE**

à la Kulmbachskie

**(Granatbräu)**

**I PIWO CESARSKIE**

à la Pilzneńskie, beczkowe i butelkowe.

jako specyalność

Wysyłka do domu. — O liczne zamówienia uprzejmie uprasza

*Skład Piwa Karwińskiego*

Wydawca odpowiedzialny redaktor Ignacy Gross.

Z drukarni Józefa Fischera w Krakowie.